NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03566

VI AZOY DER LEMPERT HOT BAKOMEN FLEKN OYF ZAYN HOYT

Rudyard Kipling

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רעדיארד קיפּלינג

ווי אַזוי דער לעמפּערט האט באַקומען פלעקן אויף זיין הויט.

147

איבערגעזעצט

— פון —

סאניע קאַנטאָר

פארלאג
„דאָס בוך"
ביאליסטאק

1920

דרוקעריי מ. ב. מירסקי ביאליסטאק

ווי אזוי דער לעמפערט האט באקומען פלעקן אויף זיין הויט.

אין יענע אוראלטע צייטן, ווען אלץ איז ניי און שיין געווען, האט דער לעמפערט געוואוינט אין א געגנט, וואס האט געהייסן הויכלאנד.

זאלסט נוט געדיינקען, אז דאס איז געווען ניט קיין טאל, ניט קיין וועלדל, ניט קיין זויערע לאנקע—דאס איז געווען א נאקעטער און שטייניקער געגנט, צוגליט פון דער זון.

א חוץ זאמד, פעלזן פון זאמד-פארב און הויפ-לאך גראז, געלע, ווי זאמד, איז דארט גארניט גע-וואקסן.

געוואוינט האבן דארט א זשיראפע, א קוצו (געשטרייפטע אנטילאפע) און פארשיידענע אנדערע

חיות. אַלע זײַנען זײ פֿון קאָפּ ביז די פֿיס געווען זאמדיק-געלבלאך-ברוין.

אבער מער פֿון אַלע זאמדיק-געלבלאך-ברוין איז געווען דער לעמפּערט; לויט זײַן פֿארב איז ער ענלאך געווען צו אַ גרוי-געלער קאַץ און האט זיך אויף אַ האר ניט אויסגעטײַלט פֿון דער זאמדיק-געלבלאך-ברוינער פֿארב פֿון דעם הויכלאַנד.

דאס איז געווען זײער שלעכט פֿאר דער זשיראפֿע, זעברע און אנדערע חיות, ווײַל דער לעמפּערט פֿלעגט זיך באהאלטן אויסשליסלאך אויף די זאמדיק-געלבלאך-ברוינע שטײנער, אדער אויף אַ הײַפֿל גראָז און, ווען ס'פֿלעגט אנקומען אַ זשיראפֿע, זעברע, קו-צו, אדער אן אַנדערע חיה, פֿלעגט ער זי גלײַך באַפֿאלן און אַוועקנעמען בײַ איר איר שפּרינגנדיקע לעבן.

גלויב מיר, אזוי פֿלעגט ער טאָן!

געוואוינט האט אויף דעם הויכלאַנד אויך אַ נעגער (דאסאלסט אויסשליסלאך אַ זאמדיק-געלב-לאך-ברוינער). ער איז געווען באוואָפֿנט מיט אַ פֿײל

און בּוינן און האט געלעבט אין גרויס פרײַנדשאפט מיטן לעמפּערט.

בּײדע פלעגן זײ אויפן געיעג ארויסגײן: דער נענער, בּאוואפנט מיט זײַן פײַל און בּוינן, דער לעמפּערט—בּלויז מיט זײַנע צײן און נעגל. בּײדע צוזאמען האבּן זײ אזוי געפּײַניקט די זשיראפע, זעברע, קוצו און אנדערע חיות, אז יענע האבּן שוין אלײן ניט געוואוסט וואו אהין זײ האבּן צו שפּרינגען.

גלויב מיר, זײ האבּן דאס ניט געוואוסט!

נאך א לאנגער צײַט (די חיות האבּן דאמאלסט, גאט ווײס, ווי לאנג געלעבּט), האבּן זײ זיך אויסגעלערנט אויסצומײדן אלצדינג, וואס האט געהאט אויף א האר ענלאכקײַט צו א לעמפּערט אדער צו א נענער. דערנאך האבּן זײ אלע נאכגעפאלגט דער זשיראפע, וואס האט געהאט די לײַנגסטע פיס און, זײַנען אוועק פון דעם ה ו י כ ל א נ ד.

לאנגע, לאנגע טעג האבּן זײ געבּלאנדזשעט, בּיז זײ זײַנען ארײַן אין א גרויסן וואלד, וואס



איז פול געווען מיט ביימער, קוסטעס און געשטריי־פטע, געפינטלטע, קריכעדיקע, טאנצנדיקע שאטנס, דארט האבן זיי זיך באהאלטן.

ס'איז ווידער אוועק א לאנגע צייט. צוליב דעם שטענדיק באהאלטן זיך, האלב אין שאטן, האלב אין זונען־שיין, ווי אויך צוליב די קריכעדיקע, טאנצנ־דיקע שאטנס, וואס זיינען אויף זיי פון די ביימער געפאלן—איז די זשיראפע געווארן אינגאנצן בא־פלעקט, די זעברע באשטרייפט, קוצו און אנדערע חיות האבן באקומען א טונקעלערע פארב און אויפן רוקן—קליינע באזונגלאכע, גרויע שטרייפעלאך, וואס דערמאנען די הויט פון בוים.

און, פלעגסטו זיי אפילו דערשנאפן, הערן און פילן, באמערקן פלעגסטו זיי דאך ניט קענען, אפילו דאמאלסט, ווען דו האסט שוין זיכער געוואוסט אויף וועלכער זייט צו קוקן.

אזוי האבן זיי זיך אויסגעצייכנט געלעבט צווישן די אויסשליסלאך פלעקעדיק־פארביקע וואלד שאטנס. דערווייל האט דער לעמפערט מיטן נעגער

זיך געיאָגט איבער דעם אויסשליסלאך זאַמדיק-געלבלאך-ברוינעם הויכלאַנד, און האָבן זיך געחאונדערט וואוהין עס זײַנען אהינגעקומען זייערע מיטאָגן, פרישטאקן און אונטערבּרויטן.

פון גרויס הונגער האָבן זיי געגעסן מייז, שטשורעס, מאַי-זשוקעס און האָבן קאַליע געמאכט דעם מאָגן.

דאַמאָלסט האָבן זיי באַגעגנט דעם פּאַוויאַן מיטן היגערשן קאָפּ, דעם שטענדיק בילנדיקן פּאַ-וויאַן, די קלינגסטע חיה אין גאַנץ דרום-אפריקע.

דער טאָג איז געווען זייער א הייסער און דער לעמפּערט האָט זיך אָפּגערופן צום פּאַוויאַן:

— „צו ווייסטו ניט אַמאָל, וואו עס איז אהינגעקומען אונזער גאַנצער רויב?"

און דער פּאַוויאַן האָט אַ פינטל געטאָן מיט די אויגן—ער האָט געחאוסט.

דאַמאָלסט האָט זיך אָפּגערופן דער נעגער:

— „קענסטו אונז ניט ווייַזן דעם אָרט, וואו

עס געפינט זיך די הינע פאונע?"[1])

(די באדײַטונג דערפון איז געװען די זעלבע, דער נעגער אבער האט ליב געהאט צו באנוצן לאנ־גע װאצן — ער איז דאך שוין געװען א דערװאק־סענער!)

דער פאװיאן האט א פינטל געטאן מיט די אויגן—ער האט געװאוסט.

און דער פאװיאן האט געזאגט:

— „אײַער גאנצער רויב האט זיך איבערגע־טראגן אויף א צװייטן ארט; און װילסטו, לעמפערט, פאלגן מיין עצה, טויש איבער די פארב פון דיין פעל, אויב דו קענסט עס נאר באװײַזן".

דער נעגער האט געענטפערט:

— „זייער פיין! פונדעסטװעגן װאלט איך גע־װאלט װיסן, װאו איז אהינגעקומען די הינע פאונע?"

און דער פאװיאן האט זיך אפגערופן:

— „די הינע פאונע האט זיך איבערגעטראגן

1) אלע חיות פון דער געגנט.



צו דער הינגער פלארע[2]), ווייל זי האט זיך שוין גע־
נויטיקט אין אן אנדער לופט; און ווילסטו נעגער
פאלגן מיין עצה, טויש איבער דיין הויט, אויב דו
קענסט עס נאר טאן!"

דאס האט שטארק פארוואונדערט דעם לעמ־
פערט מיטן נעגער. זיינען זיי אוועק אויפזוכן די הוי־
גע פלארע.

גאט ווייס, נאך וויפיל צייט, האבן זיי דערזען
א גרויסן, הויך־שטאמיקן וואלד, וואס איז פול גע־
ווען מיט בוימער און מיט אויסשליסלאך פלעקערדיק־
פארביקע, שפרינגענדיקע, טאנצנדיקע און שווינדל־
דיקע שאטנס (רייד דאס אויס זייער גיך און הויך,
וועסטו שוין אליין זען ווי שטארק שאטנדיק איז גע־
ווען דער וואלד).

—„וואס קען דאס זיין?"—האט זיך אפגערופן
דער לעמפערט—„ס'איז אינגאנצן פינסטער און
פונדעסטוועגן זעט מען דארט אזויפיל דראבנע

2) אלע פלאנצן און געוויקסן פון א לאנד.

טאַנצנדיקע ליכטעלאַך?"

—„כ'ווייס ניט!"—האָט געענטפערט דער נעגער—„אפשר איז דאָס די היגע פלאָרע, איך פיל אַ זשיראַפע, איך הער אַ זשיראַפע, אָבער איך זע זי ניט".

—„מאָדנע"—האָט געזאָגט דער לעמפערט—„מסתמא שטאַמט עס דערפון, וואָס מיר זיינען נאָך ניט צוגעוואוינט צו דער פינסטערניש. איך פיל א זעברע, און איך הער אַ זעברע, אָבער איך זע זי ניט."

—„וואַרט אַ ווײַלע",—האָט זיך אָפגערופן דער נעגער.—„מיר האָבן זיי לאַנג ניט געזען, אפשר האָבן מיר פאַר דער צייט פאַרגעסן, ווי זיי זעען אויס?"

—„וואָס רעדסטו דאָרטן!"—האָט געענטפערט דער לעמפערט.—„איך געדיינק זיי גאַנץ גוט, בפרט דעם מאַרך פון זייערע ביינער, אַ זשיראַפע האַלט אַן ערך פון זיבעצן איילן די לענג און איז פון קאָפּ ביז די פיס אויסשליסלאַך געלבלאַך-ברוין."

—„הס!"—האָט זיך אָפגערופן דער נעגער

דורך די ציין, איינקוקנדיק זיך שארף אין די טאנצנ־דיקע, שפרינגענדיקע שאטנס פון יענער וואלד־פלארע, —„מיר זעען אויס אין די פינסטערע שאטנס, ווי צייטיקע באנאנעס אין א רויך שטוב!„

—„צו אלדע גוט יאר,״—האט געזאגט דער לעמפערט,—„לאמיר, ליבערשט, איבערווארטן ביז די נאכט וועט צופאלן. א געיעג ביים טאג־שיין איז, בנאמנות, א חרפה!״

און זיי האבן געווארט, און ווען ס׳איז צוגע־פאלן די נאכט, האט דער לעמפערט באלד דער־הערט, ווי עפעס שנאפט און טופעט, פונקט ווי א זשיראפע.

די שטערנדלאך האבן געפינקלט דורך די צווייגן, ווי העלע פינטעלאך. דער לעמפערט האט א שפרונג געטאן אין דער ריכטונג, פון וואנען עס האט געשטאמט דער גערויש—באלד האט ער דער־שנאפט דעם גערוך פון א זעברע און האט דער־שפירט לעבן זיך עפעס ענלאכעס צו א זעברע. ער האט עס אומגעווארפן אויף דער ערד—און דאס

האָט זיך געשלײַדערט, ווי אַ זעבּרע, אבּער געזען האָט ער עס ניט.

דעריבּער האָט ער געזאָגט:

—„בּארואיק זיך, דו בּאַשעפעניש אָן געשטאַלט! איך וועל אזוי זיצן אויף דײַן קאָפּ ביז באַגינען, ווײַל מיט דיר טוט זיך עפּעס אזוינס, וואָס איך קען ניט בּאגרײַפן.“

פלוצלונג האָט ער דערהערט אַ שלײדערײַ און, דער גענער האָט א געשרײַ געטאָן:

—„איך האָבּ אויך עפּעס געכאַפּט, וואָס איך זע ניט, דאָס שמעקט, ווי אַ זשיראַפע און שלײַדערט זיך ווי אַ זשיראַפע, נאָר עס האָט גאָר ניט קיין געשטאַלט.“

—„גלויבּ אים ניט!“—האָט געענטפערט דער לעמפּערט.—„זעץ זיך אים אויפן קאָפּ און וואַרט בּיז בּאַגינען. איך טו אויך דאָס זעלבּע. דאָ זײַנען אַלע בּאַשעפעניש עפּעס אָן אַ געשטאַלט!“

אזוי זײַנען זיי געזעסן, ניט רירנדיק זיך פון אָרט ביזן פרי-מאָרגן. דאַמאָלסט האָט זיך אָפּגערופן

דער לעמפערט:

—„נו, גוטער ברודער, וואס האסטו עפעס אויף פרישטיק?“

דער נעגער האט זיך א קראץ געטאן אין קאפ און האט געזאגט:

—„ווען דאס וואלט געווען אויסשליסלאך זאמדיק־געלבלאך־ברוין פון קאפ ביז די פיס, וואלט עס געווען א זשיראפע; עס האט אבער ברוינע פלעקן אויפן גאנצן קערפער! און דו גוטער ברודער, האסטו עפעס א גוטן פרישטיק?“

דער לעמפערט האט זיך אויך א קראץ געטאן אין קאפ און האט געזאגט:

—„ווען דאס וואלט געווען אויסשליסלאך זאמדיק־געלבלאך־ברוין, וואלט דאס געווען א זעברע; עס האט אבער אויפן גאנצן קערפער שווארצע און רויטע שטרייפן, וואס האסטו, צו אלדע גוטע יאר געמאכט פון זיך זעברע? ווייסטו דען נישט, אז אין הויכלאנד פלעג איך דיר באמערקן שוין פון א מייל ווייט? דו האסט דאך גאר נישט קיין גע־

שטאַלט!"

—„אמת ס'איז אזוי",—האָט געענטפערט די זעברע,—„דאָ איז דאָך אָבער ניט דער הויכ־לאַנד. צו דען זעסטו דאָס ניט אַליין?"

—„איצט זע איך"—האָט געענטפערט דער לעמפּערט.—„נעכטן האָב איך דערפון ניט געוואוסט. ווי אזוי טוסטו דאָס?"

—„דערלויבט אונז זיך אויפהויבן,"—האָט געענטפערט די זעברע,—„און מיר וועלן אייך ווייזן."

זיי האָבן דערלויבט אויפהויבן זיך דער זעברע און דער זשיראַפע. די זעברע האָט זיך געשטעלט הינטער אַ קליינעם דערנער־קוסט, דורך וועלכן עס האָבן זיך אַדורכגעריסן זונען־שטראַלן, אַפּוואַרפנדיק העלע, געשטרייפטע שאָטנס; די זשיראַפע איז געבליבן שטיין הינטער אַ פּאָר הויכע בוימער, וואָס האָבן געוואָרפן קיילעכדיקע שאָטנס, פּונקט ווי פלעקן.

—„און איצט גיט אַ קוק!"—האָבן אויסגערופן די זעברע און די זשיראַפע—„דאָס ווערט געמאַכט

אָט אזוי; איינס, צוויי, דריי—און וואו איז אייער פּרישטאק?״

דער לעמפּערט האָט אויסגעגלאָצט א פּאָר אויגן און דער נעגער אויך דאָס זעלבע—מען האָט אבי׳ אין וואלד, אויסער די געשטרייפּטע און געפלעקטע שאָטנס, גאָר נישט געזען, קיין זכר איז נישט געבליבן אין וואלד פון דער זעברע מיט דער זשיראפע. זיי זאנען רואיק אוועק אין דעם שאָטנדיקן וואלד.

—„חי! חי!“—האָט זיך פאַנאַנדערגעלאכט דער נעגער.—„דאָס איז א קונץ, וועלכער איך בין א גרויסער בעלן צו קענען, זאָלסט עס גוט געדיינקען לעמפּערט! דו זעסט אויס אין דער פינסטער ווי א שטיק זייף אויף א פאס מיט קוילן.״

—„האַ! האַ!“—האָט א בריל געטאָן דער לעמפּערט,—„ועסט, מסתמא, נישט שטארק נתפּעל ווערן, אז דו וועסט דערהערן, אז דו זעסט אויס אין דער פינסטער ווי א פלאַסטער זענעפט אויף א זאק מיט קוילן.“

—„זײַער פײַן,“—האָט אים איבערגעריסן דער בעגער.—„פֿון דעם אַלץ װעט, אָבער קײַן פֿרישטאָק ניט זײַן, סײַ װי סײַ איז דער נוסח פֿון דער גאַנצער געשיכטע אַזאַ, אַז מיר זײַנען ניט צוגעפּאַסט צו דער אומגעגנט. איך װעל פֿאָלגן די עצה פֿון פּאַװיאַן, ער האָט געזאָגט, איך זאָל זיך איבער־אַנדערשן און, װײַל איבערטױשן קען איך בלױז מײַן הױט, װעל איך דאָס טאַקי טאָן.“

—„און װי אַזױ?“—האָט אים געפֿרעגט דער לעמפּערט זײער אױפֿגערעגט.

—„איך װעל זיך אָפּפֿאַרבן מיט א שװאַרץ־ברױנער פֿאַרב צוגעמישט מיט דער פּורפּור־רױטער און א טראַפּעלע בלײַלאַכער. אַזױ אַרום װעל איך זיך שפּעטער קענען באַהאַלטן אין די הײַלן צװישן די בױמער.“

באַלד האָט דער נעגער אָנגעהױבן איבעראַנ־דערשן זײַן הױט. דער לעמפּערט איז געװאָרן נאָך מער אױפֿגערעגט, װײַל ער האָט נאָך ניט געזען קײַן מענשן, װאָס זאָל בײַטן זײַן הױט.

—„און וואס זאל איך איצט טאָן?"—האָט ער געפרעגט דעם נעגער, ווען יענער האט שוין אפגע־פארבט זיין קליינעם פינגער.

—„טו אויך אזוי, ווי ס'האט דיר געראטן דער פאוויאן. ער האט דאך דיר געזאגט דו זאלסט איבערבייטן דיין פארב."

—„אבער וואס פארא פארב?"—האט געפ־רעגט דער לעמפערט.

—„גאנץ געוויס די פארב פון דיין פעל."

—„אבער וואס קען דאס מיר העלפן?"

—„דערמאָן זיך אָן דער זשיראפע,"—האט געזאגט דער נעגער,—„אדער, ווען עס געפעלן דיר בעסער שטרייפעלאך דערמאָן זיך אָן דער זעברע. זיי איז זייער באקוועם מיט זייערע פלעקן און פארבן".

—„או־מ־מ־מ־מ־מ!"—האָט אַ מרוטש געטאָן דער לעמפערט,—„איך וואָלט בשום אופן ניט געוואָלט אויסזען ווי אַ זעברע."

—„איך האָב נאָר ניט דאגעגן,"—האָט זיך אָפגערופן דער נעגער.—„אבער זיי זיך מישב, איך

וואלט זיך ניט געוואָלט יאגן אן דיר, כ'וועל דאס אבער מוזן טאן, ווען דו וועסט זיך איינשפּאַרן אומ־זען, ווי אַ זון־בלום אויף אַ פּלויט, וואס איז באַ־שמירט מיט דזשעגאַכץ.״

—„גו, וויל איך בּעסער פלעקן״—האט געזאגט דער לעמפּערט—זײַ זאלן אבער ניט זײַן צו גראָב און צו גרויס. איך װיל ניט בשום אופן אומ־זען װי אַ זשיראפּע!״

—„איך װעל מאַכן דײנע פּלעקן מיט די שפּיץ פינגער,״—האט געזאגט דער נעגער—ס'איז נאך געבליבן אַ סך פּאַרב אויף מײַן הויט. שטעל זיך אַ הער!״

דערנאך האט ער צוזאמענגעלײגט זײַנע פינף פינגער (ער האט נאך געהאט גענוג פּאַרב אויף זײַן נײַער הויט). און ער האט כסדר געשמירט מיט זײַנע פינף פינגער דעם לעמפּערט. וואו נאר ער האט זיך צוגערירט מיט זײַנע שפּיץ פינגער—ראַרט זײַנען געבליבן פינף קלײַנע שווארצע פינטעלאך, אײנער לעבן דעם

צווייטן. וועסט זיי געווים זען אויף יעדן לעמפערט.

פון צייט צו צייט פלעגן זיך די פינגער פון נעגער אויסגליטשן—דאמאלסט זיינען די פלעקן גע־ווארן עטוואס פארשמירט. ווען דו וועסט זיך גוט צוקוקן צו א לעמפערט,—וועסטו אלעמאל באמערקן פינף פלעקעלאך פון די פינף פינגער, וואס זיינען געווען איינגעשמירט מיט דער פעטער פארב.

—„ווי שיין דו זעסט איצט אוים!“—האט געזאגט דער נעגער.—„קענסט איצט ליגן אויף דער הייליגער ערד און דו וועסט אויסזען, ווי א שטיין. קענסט אויך ליגן אויף בלעטער און אויסזען וועסטו ווי א זונענשטראל, וואס שפיגלט זיך אפ דורך די צווייגן—קענסט אויך ליגן אין מיטן וועג און וועסט זיך גאר ניט אויסטיילן פון דער געגנט. זיי זיך גוט מישב—מער קיין ווארט ניט!

—„אויב ס'איז טאקע אזוי באקוועם מיט פלעקן?“—האט געפרעגט דער לעמפערט—„פאר וואס זשע האסטו זיך ניט געמאכט קיין פלעקן?“

—„ווייל א נעגער שטייט צו מער צום פנים

אַ שוואַרצע פאַרב. איצט, קום, לאָמיר פּרובן זיך אן עצה געבן מיט דער מאַדאַם אײַנס צוויי דריי וואו איז אײַער פּרישטאַק?״

און זיי זיינען אַוועק ווידער אויפן געיעג און האָבן געלעבט גליקלאַך און זאַט איבער אַלע, אַלע צייטן.

דערמיט ענדיקט זיך די מעשה.

דאָ און דאָרט, וועט מען געוויס שטעלן אַ קשיה:

—„קען דען אַ נעגער טוישן זיין הויט און קען אַ לעמפּערט באַקומען פלעקן?״

מיר דאַכט זיך אָבער, אַז אַ קלוגן וועט אַזאַ פראַגע ניט איינפאַלן, אויב זי איז ניט אײַנגעפאַלן ניט דעם נעגער און ניט דעם לעמפּערט.

און איצט וועלן זיי געוויס אַזעלכע נאַרישע פראַגעס ניט שטעלן: זיי זיינען פון זיך און פון זייער פאַרב און פלעקן גאַנץ צופרידן.